**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/30/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול און קאנגרעסמאן רייען אנאנסירן 12 מיליאן דאלארדיגע סטעיט גרענט צו ערזעצן בלייענע וואסער רערן און באשיצן טרונקען וואסער אין פוקיפסי**

***פוקיפסי איז בארעכטיגט פאר נאך א 3.2 מיליאן דאלארדיגע גרענט פון דעם פעדעראלן 'אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ' צו ערזעצן בלייענע וואסער רערן***

***טייל פון 340 מיליאן דאלאר אין סטעיט און פעדעראלע אינוועסטירונגען צו העלפן אוועקנעמען בליי***

***זעצט פאר די גאווערנער'ס לאנד'ס-פירנדע פארפליכטונג צו פארבעסערן און פארשטערקערן וואסער אינפראסטרוקטור אריבער ניו יארק סטעיט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט א 12 מיליאן דאלארדיגע סטעיט גרענט צו העלפן די סיטי אָוו פוקיפסי אידענטיפיצירן און ערזעצן בלייענע רערן, פארבעסערנדיג דערמיט די זיכערהייט פון טרונקען וואסער, באשיצנדיג די געזונטהייט פון די פובליקום און בארייכערנדיג די קוואליטעט פון לעבן פון איינוואוינער. די פינאנצירונג איז טייל פון א 340 מיליאן דאלארדיגע סטעיט-ברייטע אינציאטיוו, קומענדיג סיי פון סטעיט רעגירונג מיטלען און סיי פעדעראלע שטיצע דורך דעם 'אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ', צו ארויסנעמען בלייענע רערן פון וואסער סיסטעמען אריבער ניו יארק. אין צוגאב, ווי ארויסגעהויבן דורך פאראייניגטע שטאטן קאנגרעסמאן פעט רייען ביי די היינטיגע אנאנסירונג, איז פוקיפסי בארעכטיגט פאר א צוגאבליכע 3.2 מיליאן דאלארדיגע פעדעראלע גרענט צו ווייטער פארזיכערן ריינע און זיכערע טרונקען וואסער פאר אירע איינוואוינער.

"ווען עס קומט צו ניו יארק'ס וואסער אינפראסטרוקטור, זענען מיר פארנומען מיטן ארויסנעמען די בליי", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר זעצן פאר צו גיבן פאר לאקאלע רעגירונגען די מיטלען און שטיצע וואס זיי דארפן צו ערזעצן בלייענע וואסער רערן און באשיצן עפנטליכע טרונקען וואסער."

די היינטיגע אנאנסירונג בויט ארויף אויף די גאווערנער'ס [ברייטערע אינוועסטירונג וואס האלט יעצט ביי א סך הכל פון 100 מיליאן דאלאר אין סטעיט גרענטס](#) פאר פראיעקטן צו מאכן דעטאלירטע מאפעס פון בלייענע וואסער רערן און זיי ערזעצן. פוקיפסי איז איינס פון 12 לאקאלע רעגירונגען צו באקומען די סטעיט גרענט און אזוי אויך פעדעראלע 'אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ' ( Bipartisan Infrastructure Law, BIL) גרענטס און אינטערעסט-פרייע הלוואות פאר בלייענע וואסער רערן ערזעצונג. די סטעיט גרענט וועט צוריקצאלן פאר קאסטן וואס זענען נישט געדעקט געווארן דורך BIL גרענטס, כדי די קאמיוניטיס זאלן נישט דארפן צוריקצאלן פאר הלוואות פאר די פארבינדענע פראיעקטן.

ביז היינט האט ניו יארק סטעיט שוין באקומען 240 מיליאן דאלאר פאר בלייענע וואסער רערן ערזעצונג דורך BIL. נאך פינאנצירונג איז ערווארטעט צו קומען אין לויף פון די קומענדיגע צוויי יאר. דאס צוזאמפארן סטעיט גרענטס מיט פעדעראלע פינאנצירונג נעמט אראפ די פינאנציעלע דרוק פון

קאמיוניטיס, זיי ערלויבנדיג צו ערזעצן מער בלייענע וואסער רערן אן דעם וואס נאך קאסטן זאלן זיך אנהויפענען. די סטעיט'ס ארומנעמיגע צוגאנג זעצט פאר צו צושטעלן פאר קאמיוניטיס די מיטלען וואס זיי דארפן צו פארבעסערן זייער וואסער אינפראסטרוקטור אן איבערשטרענגען די לאקאלע יוטיליטי ביל באצאלער.

**קאנגרעסמאן פעט רייען האט געזאגט,** "פרייהייט מיינט אז יעדער אמעריקאנער האט די רעכט צו אטעמען ריינע לופט און טרונקען ריינע וואסער, און דאס איז די סיבה פארוואס איך שטופ אומאויפהערליך צו אוועקנעמען יעדע לעצטע גיפטיגע בלייענע רער פון די האדסאן וואלי. די היינטיגע פינאנצירונג איז א ריזיגע טריט אויף פאראויס צו זיכער מאכן אז עלטערן אין פוקיפסי דארפן זיך קיינמאל נישט זארגן אויב די וואסער וואס קומט ארויס פון די קראן איז זיכער פאר זייערע קינדער. איך בין שטאלץ צו ארבעטן זייט ביי זייט מיט גאווערנער האקול און מעיאר פלאַווערס אין דעם קאמף — מיר וועלן נישט רוהען ביז אונזערע קאמיוניטיס זענען פריי פון גיפטיגע בלייענע רערן איינמאל פאר אלעמאל."

**אריינרעכענענדיג פוקיפסי און די גרענטס וואס זענען שוין פריער אנאנסירט געווארן, איז די פולע ליסטע פון קאמיוניטיס באקומענדיג נאענט צו 100 מיליאן דאלאר אין סטעיט גרענטס:**

- ניו יארק סיטי (בראנקס, ברוקלין און קווינס): $28,000,000
- סיטי אָוו ראטשעסטער: $28,000,000
- סיטי אָוו סירעקיוס: $12,756,047
- סיטי אָוו פוקיפסי: $11,869,472
- ווילעדזש אָוו הערקימער: $3,962,616
- סיטי אָוו אלבאני: $3,859,328
- סיטי אָוו טראָי: $3,846,900
- Gloversville Water Works: $2,310,445
- ווילעדזש אָוו איליאן: $1,221,477
- ווילעדזש אָוו אגדענסבורג: $688,300
- ווילעדזש אָוו בעט (Bath): $468,300
- ווילעדזש אָוו קעטסקיל: $106,545

די פינאנצירונג איז אויך ספעציפיש געציהלט פאר היסטאריש באזייטיגטע קאמיוניטיס. די גרענטס גיבן דין קדימה פאר קאמיוניטיס וואס קומען נאך איינס אדער מער פון די פאלגנדע תנאים:

- די מיטלגארטיגע הויזגעזונד איינקונפט אין די קאמיוניטי איז ווייניגער פון 80 פראצענט פון די ראיאניש-צוגעפאסטע סטעיט-ברייטע מיטגלארטיגע הויזגעזונד איינקונפט.
- די קאמיוניטי'ס לאקאלע ארימקייט ראטע איז העכער פון די סטעיט-ברייטע ארימקייט ראטע.
- צום ווייניגסטנס 50 פראצענט פון די קאמיוניטי'ס בלייענע רערן פראיעקט באדינט א קאמיוניטי וואס באקומט פריאריטעט פאר ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט.

בליי איז שענדליך צו א מענטש'ס געזונטהייט און קען זיך אריינבאקומען אין טרינקען-וואסער ווען פלאמינג מאטריאלן וואס האבן בליי צוברעקלען זיך, ספעציעל וואס די וואסער האט הויכע אסידיטי אדער ענטהאלט א נידריגע צאל פון מינעראלן וואס צוברעכן רערן און פיקסטשורס. די מערסט-באקאנטע

קוועלער פון בליי אין טרינקען-וואסער זענען בלייענע רערן, קראנען, און פיקסטשורס. אין היימען מיט בליי רערן וואס פארבינדט די היים צו די צענטראלע וואסער, אויך באקאנט אלס בליי סערוויס ליניעס, זענען די רערן רוב מאל די מערסטע באדייטנדע קוואל פון בליי אין די וואסער. בלייענע רערן זענען מער ווארשיינליך צו געפונען ווערן אין עלטערע שטעט און אין היימער וואס זענען געבויט געווארן בעפאר 1986.

**סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "אונטער די פירערשאפט פון גאווערנער קעטי האקול, האט ניו יארק סטעיט געמאכט היסטארישע אינוועסטירונגען צו רעדוצירן דאס זיין אויסגעשטעלט צו בליי אין טרונקען וואסער — וואס מיר ווייסן אז עס איז א סכנה פאר די געזונטהייט פון די פובליקום. מערסט לעצטנס האט ניו יארק סטעיט געגעבן פאר קאמיוניטיס אריבער ניו יארק סטעיט אומגעפער 100 מיליאן דאלאר וואס וועט העלפן שטיצן פראיעקטן פון די סארט וואס איז היינט אנאנסירט געווארן אין פוקיפסי און ערזעצן בלייענע וואסער רערן אין היסטאריש באזייטיגטע געגנטער. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט אונזערע פעדעראלע, סטעיט עאון לאקאלע שותפים צו היטן אויף די געזונטהייט פון אונזערע קאמיוניטיס, צו שטופן פאר געזונטהייט גערעכטיגקייט און צו פארזיכערן אז ריינע טרונקען וואסער איז דא צו באקומען פאר אלע ניו יארקער יעצט און פאר פילע קומענדיגע דורות."

**סטעיט ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט ( Environmental Facilities Corporation, EFC) פרעזידענט און CEO, מאורין א. קאולמאן, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונג אין ריינע וואסער גיבט די כלים פאר קאמיוניטיס צו ארויסנעמען די בליי פון טרונקען וואסער און פארקלענערן סכנות צו די געזונטהייט פון די פובליקום. מיטן פארטיילן די גרענט דאלארן, טוהען די EFC און אונזערע שותפות'דיגע אגענטורן צושטעלן קריטישע פינאנציעלע און טעכנישע הילף צו אנהויבן די ארבעט אויף קריטישע פראיעקטן און העלפן קאמיוניטיס ווי פוקיפסי פאראויס גיין מיט די ציהל פון צושטעלן בליי-פרייע און זיכערע טרונקען וואסער."

**אסעמבלי מיטגליד דזשאנעטען דזשעיקאבסאן האט געזאגט,** "עס איז נישטא א שטאפל פון בליי אין טרונקען וואסער וואס איז אקצעפטירבאר. מיר ווייסן אז בליי פארפעסטיגונג איז אן ערנסטע געזונטהייט סכנה וואס פאראורזאכט אנטוויקלונג פראבלעמען אין קינדער און אזוי אויך פראבלעמען מיט די הארץ-אדערן סיסטעם און מיט די מעגליכקייט צו האבן קינדער אין ערוואקסענע. דאס איז די סיבה פארוואס איך שתדל שוין פון לאנג פאר פארמערטע פינאנצירונג צו ערזעצן בלייענע וואסער רערן און פארוואס איך האב געהאלפן שטופן פוקיפסי'ס אפליקאציע פאר די פינאנצירונג. מיר קענען נישט פארנאכלעסיגן נאך א דור פון קינדער אין פוקיפסי אדער אין סיי וועלכע אנדערע שטאט."

**ניו יארק'ס פארפליכטונג צו וואסער קוואליטעט**
ניו יארק סטעיט זעצט פאר צו פארמערן אירע לאנד'ס-פירנדע אינוועסטירונגען אין וואסער אינפראסטרוקטור, ארייגרעכענענדיג מער פון 2.2 ביליאן דאלאר אין פינאנציעלע הילף פון די EFC פאר לאקאלע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן אין די סטעיט'ס פיסקאלע יאר 2024 אליין. מיט $500 מיליאן אריבערגעלייגט צו ריינע וואסער אינפעסטרוקטור אין די פיסקל יאר 2025 אינאקטעד בודשעט געמאלדן דורך גאווערנער האקול, וועט ניו יארק האבן אינוועסטירט א סך הכל פון 5.5 ביליאן דאלאר אין וואסער אינפראסטרוקטור זינט 2017 און די יאר. גאווערנער האקול'ס אינציאטיוון פון איר 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע פארזיכערן אנגייענדע קאארדינאציע מיט לאקאלע רעגירונגען און העלפן קאמיוניטיס מיטן אויסנוצן די אינוועסטירונגען. די גאווערנער האט פארמערט WIAA טיילונגען פאר אפלויף וואסער פראיעקטן פון 25 צו 50 פראצענט פון נעט בארעכטיגטע פראיעקט קאסטן פאר קלענערע פארנאכלעסיגטע קאמיוניטיס. די גאווערנער האט אויך אויסגעברייטערט די EFC'ס 'קאמיוניטי הילף מאנשאפטן' (Community Assistance Teams) כדי צו העלפן קליינע, שטעטלישע און שוואכערע קאמיוניטיס צו אויסנוצן די פינאנצירונג און אדרעסירן זייערע ריינע וואסער אינפראסטרוקטור

באדערפענישן. סיי וועלכע קאמיוניטי וואס דארף הילף מיט וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן ווערט געמוטיגט זיך צו פארבינדן מיט די EFC.

די פינאנצירונג, אין צוגאב צו אנדערע באדייטנדע אינוועסטירונגען אין וואסער קוואליטעט, רעכנט אריין דעם ווייטער-באשטעטיגטן 4.2 ביליאן דאלארדיגן 'ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באָנד געזעץ' פון 2022 וואס שטופט פאראויס נאך היסטארישע סומעס פון פינאנצירונג צו מאדערניזירן אלטע וואסער אינפראסטרוקטור און באשיצן וואסער קוואליטעט; פארשטערקערן מעגליכקייטן פון קאמיוניטיס צו אויסשטיין שווערע שטורעמעס און פארפלייצונגען; רעדוצירן לופט פארפעסטיגונג און נידערן קלימאט-טוישנדע עמיסיעס; אויפרעכטן פלעצער וואו ווילדע באשעפענישן און פלאנצונגען וואוינען; און היטן אויף דרויסנדיגע שטחים און לאקאלע פארמס. די ערשטע רונדע פון פינאנצירונג אונטער דעם ענווייראמענטאלע באָנד געזעץ איז פארטיילט געווארן דורך די WIIA/IMG פראגראמען אין דעצעמבער, ווען גאווערנער האקול האט אנאנסירט 479 מיליאן דאלאר אין גרענטס פאר 156 פראיעקטן אריבער ניו יארק סטעיט, אריינרעכענענדיג 309 מיליאן דאלאר וואס איז צוגעשטעלט געווארן פאר שוואכערע קאמיוניטיס. שוואכערע קאמיוניטיס וועלן באקומען צום ווייניגסטנס 35 פראצענט פון די בענעפיטן פון די באָנד געזעץ געלטער, מיט א ציהל פון 40 פראצענט.

**איבער די בייפארטיזאן אינפעסטרוקטור געזעץ און בליי סערוויס ליניע ערזעצונג געלטער**

פרעזידענט ביידן'ס אומפארטייאישער אינפראסטרוקטור געזעץ אינוועסטירט א היסטארישע 15 ביליאן דאלאר אריבער דאס לאנד צו אידענטיפיצירן און ערזעצן בלייענע וואסער רערן. די געזעץ פראקלאמירט אז 49 פראצענט פון DWSRF LSLR געלטער מוז ווערן געגעבן אלס טיילונגען אדער אויסגעבארגטע געלט וועט נישט מוזן באצאלט ווערן (אדער נישט אינגאנצן) אין פארנאכלעסיגטע קאמיוניטיס, א קריטישע אינוועסטמענט וואס מען האט נישט גענוג אינוועסטירט דערין שוין פאר צו לאנג. EPA זעט פאר א סך הכל פון 9 מיליאן בליי סערוויס ליניעס לענגאויס די קאונטי, באזירט אויף דאטא וואס איז צאמגענומען געווארן פון די אפדעיטעד טרינקען-וואסער אינפעסטרוקטור געברויכן סורוועי און אפשאצונג. די געלטער וועלן געגעבן ווערן ספעציעל צו אידענטיפעצירן און אוועקנעמען בליי סערוויס ליניעס און וועט העלפן ניו יארק געבן געלט פאר פראיעקטן אוועקצונעמען בליי רערן און פארמינערן דאס זיין אויסגעשטעלט צו בליי פון טרינקען-וואסער. צו פארזיכערן אז געלטער ווערן גענוצט פאר בליי סערוויס פארבינדענע אקטיוויטעטן אין די שטעט וואס דארפן עס די מערסטע, זענען LSLR צוטיילונגען באזירט אויף געברויך - דאס מיינט אז שטעט וואס מען זעט מער בליי סערוויס ליניעס באקומען מער LSLR געלטער לויט וויפיל זיי דארפן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן